# הגדה של פסח

דער קאמיטעט פונים רב הכולל
ווינטשט אונדזערע ברידער און שוועסטער פון שארית הפליטה
א גוטן יום־טוב.
זאל מקוים ווערן
לשנה הבאה בארעא דישראל
און
לשנה הבאה בני חורין

CHIEF RABBI'S (RELIGIOUS EMERGENCY) COUNCIL.
86, Amhurst Park, London, N.16.
England.
5706 — 1946

# סדר בדיקת חמץ

דיא נאכט וואס גיהער צום פערצעהנטען טאג פון ניסן איז מען בודק חמץ און אויב עס גיפאלט דער פערצעהנטער טאג אום שבת איז מען בודק דיא נאכט וואס גיהער צום דרייצעהנטען טאג. און איידער מען איז בודק זאל מען אויף ראמען דאס חמץ וואס מען דארף עסן עס זאל נים ליגן פאר דיא אויגן. מען זאל הייסן לייגן שטיקלאך ברויט אויף עטליכע ערטער בכדי אז מען זאל נים מאכן איין ברכה לבטלה און פאר דיא בדיקה זאגט מען דיא ברכה:

## בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר קִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו וְצִוָּנוּ עַל בִּעוּר חָמֵץ:

מען זאל נים ריידן ביז מען ענדיגט בודק זיין. און נאך דער בדיקה זאל מען דאס זאגן:

## כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִכָּא בִרְשׁוּתִי דְּלָא חֲמִתֵּיהּ וּדְלָא בִעַרְתֵּיהּ וּדְלָא יְדַעְנָא לֵיהּ לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

אויב ער פאר שטייט נים לשון קודש מעג ער דאס זאגן אויף טייטש:

כל חמירא אלע זויער טייג און גיזייערטע ברויט וואס עס איז פאר האנדן אין מיין רשות וועלכע איך האב נים גיזעהן און וועלכע איך האב נים אוים גיראמט זאל צו נישט זיין און עס זאל זיין הפקר אזו וויא דער שטויב פון דער ערד:

ערב פסח זאל ער דאוונען גאנץ פריא און באלד אפ עסן און זאל אוים ראמען אלע ערטער און אויך די קעשענעס און דיינער ניין זאל ער פאר ברענען דעם חמץ וועם אונ אז דער חמץ וועם שוין איבער גיברענט ווערין זאל ער דאס זאגן:

## כָּל חֲמִירָא וַחֲמִיעָא דְּאִכָּא בִרְשׁוּתִי דַּחֲזִתֵּיהּ וּדְלָא חֲזִתֵּיהּ דַּחֲמִתֵּיהּ וּדְלָא חֲמִתֵּיהּ דְּבִעַרְתֵּיהּ וּדְלָא בִעַרְתֵּיהּ לִבָּטֵל וְלֶהֱוֵי הֶפְקֵר כְּעַפְרָא דְאַרְעָא:

כל חמירא אלע חמץ און זויער טייג וואס איז דא אין מיין רשות וואס איך האב געזעהן און וואס איך האב נים גיזעהן וואס איך האב אוים גיראמט און וואס איך האב ניט אוים גיראמט זאל זיין בטל און זאל זיין הפקר אזוא וויא דער שטויב פון דער ערד:

# סדר הגדה של פסח

די נאכט פון פסח איז זייער הייליג און אזו אויך אלע דינים און מנהגים פון דר נאכט בטייט זייער פיל. דענסטמאל האט אונז השי״ת אוים דר וועלט פון אלע היידן און האט אונז געהייליגט מיט זיינע געבאט און דרום איז איטליכר ירא שמים מחויב צו היטן זיך פון צו ריידן דיא נאכט דברים בטלים. נאר ער איז מחויב די נאכט צו פאר ברענגען אין דם נס פון יציאת מצרים און דער עיקר איז ער זאל עס געבן צו פאר שטיין זיינע קינדער אזו ווי עס שטייט אין פסוק והגדת וגו׳ און אזו באלד ווי ער קומט פון שול זאל זיין אלץ אן גיגרייט. זיין טיש מיט גילדרנע און זילברנע כלים. און אויך זייער שיין גידעקט דעם טיש מיט שיינע צירונג. און זיין הסבה בעט זאל זיין פר בעט און זאל זיצין דרויף אן גילעהנט דרך חרות אום צו ווייזן אז ער פרייט זיך זייער אויף דם חסד וואס השי״ת האט געטאן מיט אונז פר צייטן. אויך די ווייבר זיינן מחויב דם סדר אפ צו ריכטן דען זיי זיינן אויך גיוועזן אין דעם נס פון גאולת מצרים. ער מוז אויך גיווארנט זיין דס ער זאל באלד ווי עס ווערט נאכט אן פאנגן דם סדר אב צו ריכטן כדי ער זאל קענען דעם אפיקומן עסין און אויך הלל זאגן פר האלבע נאכט ווי דר דין איז. אויך מוז מען זאגן שיר השירים אוים זאגן:

# סימן לסדר של פסח

## קַדֵּשׁ. וּרְחַץ. כַּרְפַּס. יַחַץ. מַגִּיד. רָחְצָה. מוֹצִיא. מַצָּה. מָרוֹר. כּוֹרֵךְ. שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ. צָפוּן. בָּרֵךְ. הַלֵּל. נִרְצָה:

נעם איין טעלער און לייג אויף אים דרייא מצות. און אויף זייא לייג דיא זרוע אין דער רעכטער האנט. און דאס איי דער לינקע האנט. און צווישן זייא דעם מרור. און דעם חרוסת לייג אונטער דער זרוע אין דער רעכטע האנט. און דעם כרפס דאס איז גרינס פון פעטרישקע לייג אונטער דעם איי. צווישן זייא אונטער דעם מרור לייג דעם חזרת דאס איז גריבענע חריין אויף דער קריכה. אזו זאלן זייא ליגן:

קדש ־ עס אכוס פון אקוואמיריל און היים אן גיסן אים און זאג דאס מים בנה:

הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזֻמָּן לְקַיֵּם מִצְוַת כּוֹס רִאשׁוֹן שֶׁל אַרְבַּע כּוֹסוֹת לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

וען פסח געפאלט אום שבת הייבט מען אן יום הששי ביז לעשות. אונ אום דער וואכין הייבט מען אן דא:

סַבְרִי מָרָנָן וְרַבָּנָן וְרַבּוֹתַי:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא פְּרִי הַגָּפֶן:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל עָם וְרוֹמְמָנוּ מִכָּל לָשׁוֹן וְקִדְּשָׁנוּ בְּמִצְוֹתָיו. וַתִּתֶּן לָנוּ יְיָ אֱלֹהֵינוּ בְּאַהֲבָה (לשבת שַׁבָּתוֹת לִמְנוּחָה וְ) מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן (אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת הַזֶּה וְ) אֶת יוֹם חַג הַמַּצּוֹת הַזֶּה. זְמַן חֵרוּתֵנוּ (בְּאַהֲבָה) מִקְרָא קֹדֶשׁ זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם. כִּי בָנוּ בָחַרְתָּ וְאוֹתָנוּ קִדַּשְׁתָּ מִכָּל הָעַמִּים (וְשַׁבָּת) וּמוֹעֲדֵי קָדְשֶׁךָ (בְּאַהֲבָה וּבְרָצוֹן) בְּשִׂמְחָה וּבְשָׂשׂוֹן הִנְחַלְתָּנוּ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ מְקַדֵּשׁ (הַשַּׁבָּת וְ) יִשְׂרָאֵל וְהַזְּמַנִּים:

די לעצטע נאכט פון פסח זאגט מען ניט שהחינו:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה:

וען פסח געפאלט אום מוצאי שבת זאגט מען דאס פאר שהחינו:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא מְאוֹרֵי הָאֵשׁ:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְחוֹל בֵּין אוֹר לְחֹשֶׁךְ בֵּין יִשְׂרָאֵל לָעַמִּים בֵּין יוֹם הַשְּׁבִיעִי לְשֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה. בֵּין קְדֻשַּׁת שַׁבָּת לִקְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב הִבְדַּלְתָּ. וְאֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה קִדַּשְׁתָּ. הִבְדַּלְתָּ וְקִדַּשְׁתָּ אֶת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל בִּקְדֻשָּׁתֶךָ: בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ הַמַּבְדִּיל בֵּין קֹדֶשׁ לְקֹדֶשׁ: שהחינו וכו׳

טרינקט מען געלעהנט אויף דער לינקער האנט דאס רוב פון דעם כוס אונ לכתחלה באדארף מען אויס טרינקען אין נאנצין: ווייבער דארפן ניט לעהנען. אבער צוא טרינקען ארבע כוסות אונ זאגן די הגדה אונ עסן מצה ומרור אונ אפיקומן זיינען ווייבער מחויב גלייך מיט מאנסבילין:

ורחץ וואש די הענט גלייך ווי מען וואשט זיך צום עסן אונ זאג ניט על נטילת ידים:

כרפס נעם אקליין שטיקל גרינס פון פעטרישקע אדער געקאכטע קארטאפליס אונ טונק איין אין זאלץ וואסער אונ מאך די ברכה אנט טייל איטליכין ארום:

בָּרוּךְ אַתָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ מֶלֶךְ הָעוֹלָם בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה:

(א) מען טאר ניט מאכין אום יום טוב דאס זאלץ וואסער נאר אביסל הערליך עס זאל געווג זיין דעם כרפס איין טונקען.
(ב) מען נימט עסן דעם כרפס ווינציגער פון א כזית. אונ אויב ער האט יא געגעסין א כזית פון דעם ווען דארף מען ניט מאכין קיין ברא נפשות נאך דעם כרפס עסן:

יחץ טייל איבער די מיטעלסטע מצה אויף צוויי טייל. די גרויסע טייל נעם ארויס פון צווישן די מצות אונ לייג איינשטער דעם קשה וועגן דעם אפיקומן:

מגיד הייב אויף דעם טעלער מיט די מצות אונ מען דארף ניט אראפ נעמען די זרוע מיט דעם איי. אונ זאג דאס מיט כונה:

הֲרֵינִי מוּכָן וּמְזֻמָּן לְקַיֵּם הַמִּצְוָה לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם לְשֵׁם יִחוּד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ עַל יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

הָא לַחְמָא עַנְיָא דִי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם. כָּל דִכְפִין יֵיתֵי

---

### פירוש עי״ם

הא לחמא ווי דאס ברויט וואס איז ארום האבין געגעסין אונזערע עלטערין אין לאנד מצרים. איטליכר וס איז הונגעריג זאל

דאמאלס אן האט ער אנגעהייבן מצליח צוא זיין ביז ער איז געווארען איין עשיר. אלע יאר אין דעם זעלבען טאג וואס האט איהם אנגעפאנגען מצליח צוא זיין פלעגט ער מאכין איהם טוב. דעם טאג האט ער גיזאפט, טאקע

### בינה לעתים

הא לחמא עניא. מען דארף פארשטיין וואס פאר א שייכות האבין איינע צו די אנדערע די מאמרים הא לחמא עניא, כל דכפין, השתא הכא. נאר די כונה דער פון איז, אז

### פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

הא לחמא. אין אנדערע הגדות שטייט כהא לחמא, העלפין מיר דאס ערקלערין מיט איין משל, איין קאראבעלניק וואס פלעגט ארום גיין מיט סחורה איבער קליינע שטעטלאך האט איינמאל אין איין שטאט זייער גוט פארדינט אונ פון

### פי׳ מהרי״י יעב״ץ

כל דכפין ייתי ויכול. יעדער ווער עס איז הונגעריג זאל קומען אונ עסן. אונזערע עלטערין אין ירושלים פלעגין ווען צום סדר ארעמע לייט ווייל די בכבוד אויף דעם יום איז

וְיֵיכוּל. כָּל דִצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח. הָשַׁתָּא הָכָא. לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל. הָשַׁתָּא עַבְדֵי. לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּנֵי חוֹרִין:

מען דארף אן גיסן דיא כוסות פאר די קינדער זאלין פרעגין מה נשתנה:

מַה נִּשְׁתַּנָּה הַלַּיְלָה הַזֶּה מִכָּל הַלֵּילוֹת. שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין חָמֵץ וּמַצָּה. הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלּוֹ מַצָּה: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין שְׁאָר יְרָקוֹת. הַלַּיְלָה הַזֶּה (כֻּלּוֹ) מָרוֹר: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת. הַלַּיְלָה הַזֶּה שְׁתֵּי פְעָמִים: שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת אָנוּ אוֹכְלִין בֵּין יוֹשְׁבִין וּבֵין מְסֻבִּין. הַלַּיְלָה הַזֶּה כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין:

---

### פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

יום טוב' ווייל אין דעם טאג איז ער אריין דעם ערשטין מאל אין די שטאט וואו עס האט אים אנגיפאנגן מצליח צו זיין מיט זיין זעקיל און פעקיל, אונ צום אנדיינקען פלעגט ער אן מאן אין יענעם טאג זיין מארבע. דער טאג וואר ביי אים אזוי טייער אז דאמאלס פלעגט ער בעקליידין זיך און זיין פרוי אונ קינדער. דאס גליק האט זיך אבער צולעצט פון אים אבגיקערט, דאס הייסט עס האט אים אויפגעהערט צו גליקען און איז ווידער ארעם געווארען; האט ער געטראגען ביי זיין פרויא מיט איין פרויענט מיגע פון דאנקען וועלין ג"ר ערשט לעבין. וואס קאן מער זיין, האט זיא אים געענטפערט, מיר וועלין לעבין וויא מיר האבין פריער גילעבט. טוא ווידער אן דיינע מראגמעס מיט זעקיל און פעקיל אויף דיא שולטער אונ גייא אין נאמען גאט איבער דער וועלט. דוא האסט רעכט מיין פרוי, האט ער צוא איר גיזאגט און האט אזוי גיטאן. זיינע קינדער אבער וואס זיינען גיוואוינט גיווען אלע יאר אין דעם טאג וואס ער טוט אן זיין זעקיל צו ווערין רייך בעקליידעם האבין יעצט אויך פון אים פאר לאנגט דאס ער זאל זיא בעקליידין וויא אלע יאר. ניין ליבע קינדער, האט ער זיי גיענטפערט, דר יאר איז נים גלייך צו יענע יאהרן דאמאלס בין איך גיווען באמת איין רייכער מאן אונ האב אן גיטאן דעם זעקיל אונ פעקיל נאר צום אנדיינקען פון די חסרים וואס גאט האט מיט מיר פריהער גיטאן. היינט אבער טוא איך זיא אן אויס נויט. דאס גלייכין איז אונזער ענין. בעת דער בית המקדש איז נישטאן, פלעגין מיר עסין די ארעמע ברוים (מצה)

### פי' מהר"י יעב"ץ

וייער פיל אונ דיא הוצאה איז זייער גרוים. אונזערע חז"ל זאגין אז מען דארף מפרנס זיין ארעמע לייט אין א אונמערקלישיעד פון וועלכע נאציאן זיא זיינען. דארום זאגט מען פריער כל דכפין, יעדער ווער עס איז הונגעריג, אפילו דער וואס איז נים מחויב מקיים צו זיין דיא מצוה פון פסח, ייתי ויכול, זאל אויך קומען אונ עסין מיט אונז. כל דצריך, יעדער ארעם מאן פון אידין וואס איז מחוייב מקיים זיין דיא מצוה פון פסח נאר ער האט נים מיט וואס, ייתי ויפסח, זאל קומען אונ מקיים זיין מיט אונז די מצוה פון פסח.

### פירוש ע"ט

קומען אונ זאל מיט אונז עסין. איטליכער וואס דארף אונ פר מאגט ניט זא"ל קומען אונ זאל מיט אונז עסין דעם אפיקומן וואס ער איז אנשטאט קרבן פסח השתא דם יאר זיינן מיר דא לשנה הבאה צום יאהר וואס וועט קומען בארעא אין לאנד ארץ ישראל:

מה נשתנה פר וואס איז פר ענדערט די נאכט פון אלע נעכט. ווארום אין אלע נעכט מעגן מיר עסן חמץ אונ מצה אבר די נאכט טאר מען ניט עסין נאר נאר מצה: שבכל אין אלע נעכט מעגן מיר עסן אלערליי קרייטיכר וועלכע מיר ווילין אבר די נאכט מוזין מיר עסין ביטערע קרייטיכר: שבכל אין אלע נעכט טוען מיר ניט איין טונקן אויך איין מאל אבר די נאכט טוען מיר איין טונקען צוויי מאל: שבכל אין אלע נעכט מעגן מיר עסן זיצענדיג אדער אן גילעהנט אבער דיא נאכט טוען מיר אלע עסין אן גילעהנט:

### בינה לעתים

דער עיקר חסד וואס מען טוט מיט דעם אריטאן איז נים נאר דאס וואס מיא גים אים דיא נדבה, אדער וואס מיא גים איהם אמאל צו זאט עסען, זאנדערין מען דארף איהם אויך דיינין דאבייא איין פריינדליכעס געזיכט, אונ טרייסטען אים וואס ער איז גיקומען צוא דער לאגע אנצוקומען צום מענשענס הילף. מען דארף זיין צו אים זעהר פריינדליך אז ער זאל נים קלערין אז ער עסט נבאדעג ברוים. אונ דאס מיינט דר בעל הגדה אז מיר זאלין זאגין צום אריטאן, זיים נים אזוא פערקימערט איבער אייער ארמוט אונ וואס איהר זיצט ביי אונז אום מיש, דען אין מצרים האבין אונזערע עלטערין אויך גיגעסין פרעמדע ברוים מיט אפארביטערטע הארין פון פיין אונ שווערע ארבייט, אונ דער נאך האט זייא השי"ת געהאלפין אונ בעפרייט פון זייערע צרות. על כן, כל דכפין יעדער ווער עס איז נאר הונגעריג, ייתי ויכול, זאל זיך נים שעמען אונ קומען מיט אונז מיט עסען. אונ דורך דעם זכות פון צדקה, וואס צדקה איז מקרב דיא גאולה, וועט השי"ת אונז געבין אז בשנה הבעל"ט וועלין מיר אלע זוכה זיין צו זיין אין ירושלים, אונ דארטין וועלין מיר געניסען פון אלעס גוטען מיט גרוים נחת, אונ מיר וועלין האבין פערגעניגען פון עבודת השי"ת.

(סקים א')

שבת הגדול זאגט מען דאס ביז רבן גמליאל:

# עבדים היינו לפרעה במצרים. ויוציאנו יי אלהינו משם ביד חזקה ובזרוע נטויה. ואלו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים הרי אנו ובנינו ובני בנינו משעבדים היינו לפרעה במצרים. ואפילו כלנו חכמים כלנו נבונים כלנו זקנים כלנו יודעים את התורה. מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים. וכל המרבה לספר ביציאת מצרים הרי זה משבח:

# מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אלעזר בן עזריה ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסבין בבני ברק והיו מספרים ביציאת

## פירוש ע"ט

עבדים היינו קנעכט זיינען מיר געווען צו פרעה אין לאנד מצרים אונ ער האט אונזער לעבען ניביטערט דרום עסין מיר וואס איז ביטער. ער האט אויסגיצויגין אונז נאכט אונזער נאט פון דארטין מיט שטארקע האנט אונ מיט זיין ארום וואס איז אויסגשטרעקט אונ עס איז קיין צייט גיוועזן די טייג זאל זויער ווערן דרום עסין מיר מצות אונ זיצין אנגילעהנט אונ טונקין איין ווי פרייע הערן. וואלט אבער הקב"ה ניט אויסגיצויגן אונזערע עלטערין פון מצרים וואלטן מיר אונ אונזערע קינדער אונ די קינדס קינדער אונטער טעניג גיוועזן צו פרעה אין לאנד מצרים, דרום ווען אויך מיר זיינען אלע קלוג פר שטאנדיג מיר אלע זיינען אלט מיר אלע ווייסען וואס עס שטייט אין דר תורה איז דאך איין מצוה אויף אונז צו ריידין ביציאת מצרים דען איטליכער וואס ער מערט צו ריידין ביציאת מצרים איז ער גילויבט:

מעשה עס איז גיוועזן א מעשה, רבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אלעזר בן עזריה ורבי עקיבא ורבי טרפון זיינן גיזעסין אן גילעהנט אין דר שטאט וואס הייסט בני ברק אום פסח

## פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

נאר אלס אנדיינקען אויף די נסים וואס גאט האט גיטאן מיט אונזערע עלטערין בעת יציאת מצרים, דאהער האט מאן גיפאסט צו זאגין דעם נוסח כהא לחמא דאס הייסט אזא ברויט וויא דער, פונקט אזו צוא נעריכט, האבין אונזערע עלטערין גיגעסין אים טים זייענדיג אין מצרים. דער נאך אבער אז אונזער בית המקדש איז חרוב גיווארין האבין אונזערע חכמים מתקן גיוועזן דעם נוסח הא לחמא עניא דאס זעלבע ארעמע ברויט וואס אונזערע עלטערין האבין גיגעסין אין דעם ערשטין גלות, דאס הייסט אין גלות מצרים, דיך אין גלות בבל וואס דאמאלס האבין אונזערע חכמים מתקן גיוועזן דעם צווייטין נוסח האבין מיר אזוא פיל גיליטין וויא אין גלות מצרים.

## ספורי נסים

עבדים היינו. דער ילקוט זאגט. אז הקב"ה האט גיזאגט צו דיא שבטים: איר האט פערקויפט אייער ברודער יוסף הצדיק פר איין קנעכט שווער איך אייך אז אלע יאהר וועט איר לייענען עבדים היינו, אונ דיא ישראל זיינען גיקומען אין גלות מצרים נאר דערפאר וואס זייא האבין פאר קויפט יוספ'ן. לפרעה, לכן האט פערטריבין דיא ישראל אין מצרים אונטער די רעגירונג פון פרעה מחמת כבוד ישראל, כדי דער שעבוד זאל זיין ביי א איין גרויסע אומה וואס רעגירט איבער אגרויסין מהייל פון דער וועלט אונ נים ביי א איין קליינעם שר.

משעבדים היינו לפרעה במצרים. מיר גיפינען אין מדרשים, אז אין דעם טאג וויא משה ואהרן זיינען גיקומען צו פרעה אין שליחות פון השי"ת ארויסצונעמען די אידין פון מצרים, איז דאמאלס גיוועזן זיין געבורטסטאג. אין יענעם טאג האבין אידם אלע מלכים וועלכע זיינען גישטאנען אונטער זיין שוטץ גיבראכט מתנות, אונ דער מלך וועלכער האט נים גיבראכט קיין מתנה איז נים צו גיזאגין גיווארין צו אים אונ איז נאך שטרייננ בעשטראפט גיווארין. צו צוקומען צו פרעה איז גיוועזן זעהר שווער. אין זיין פאלאץ זיינען גיוועזן פיר הונדערם טירין, אונ ביי יעדער טיר איז גישטאנען איין גרויסע וואך פון גבורי מלחמה. אין דעם טאג האט קיין איינציגס מענטש אויסער דיא מלכים נים גיקאנט צוא אידם צוקומען.

(סק"ם א')

פרעה איז גיזעסין אויף זיין טראן מיט דעם גאלדענעם סצעפטער (שרבים הזהב) אין האנד, אונ ארום טראן זיינען גישטאנען קעניגע, געלעהרטע, אונ מכשפים פון מצרים וועלכע האבין אים גיבראכט מתנות. זייא האבין פאר אידם גיקניעט אונ געקושט זיין טראן. וויא משה אונ אהרן זיינען גיקומען צוא פרעה'ס פאלאץ האט זייא דער מלאך גבריאל גלייך צוגעפירט צוא פרעה. פלוצלונג זעהן זייא אלע וויא עס שטעהען משה ואהרן, צוויא אלטע לייט וויא צוויא מלאכים פון הימיל הויך וויא דיא צעדערבוימען, דיא אויגן לייכטען וויא די שטערין אין הימיל, אונ די גזיכטער שיינען ווי דיא זון. משה האט גיהאלטען דעם געטליכען שטעקין (מיט דעם שטעקין האט ער גיטאן אלע אותות ומופתים אין מצרים אונ ביים ים סוף) אין דער רעכטין האנד, אונ אויף אים איז גיוועזין אויסגעקריצט דער שם המפורש (דער נאמען פון בורא ית"ש). וויא פרעה האט זייא דער זעהען האט ער זיך פערוואונדערט, אונ געפרעגט דיא וואכמייסטער וויא אזוא זיינען זייא אריין צוא אידם. אלע סאלדאטען וואס זיינען גישטאנען אויף דער וואך האבין גיקאנט אז זיי זיינען פארביי זייא נים גיגאנגען, אונ קיינער האט בעמערקט וויא זייא זיינען אריין. פרעה אונ אלע קעניגע האבין זיך שטארק דערשראקין אונ האבין אראבגענומען זייערע קרוינען פון קאפף פאר זיי.

מצרים כל אותו הלילה עד שבאו תלמידיהם ואמרו להם רבותינו הגיע זמן קריאת שמע של שחרית:

**אמר** רבי אלעזר בן עזריה הרי אני כבן שבעים שנה ולא זכיתי שתאמר יציאת מצרים בלילות עד שדרשה בן זומא שנאמר למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך. ימי חייך הימים. כל ימי חייך הלילות. וחכמים אומרים ימי חייך העולם הזה. כל ימי חייך להביא לימות המשיח:

**ברוך** המקום. ברוך הוא. ברוך שנתן תורה לעמו ישראל. ברוך הוא: כנגד ארבעה בנים דברה תורה. אחד חכם. ואחד רשע. ואחד תם. ואחד שאינו יודע לשאול:

---

## משלי דוד

**כל** ימי חייך להביא לימות המשיח. עס איז אן גרונד אין וואונדער צו וואס וועט מען דארפען דער ציילין לעתיד לבא דיא צרות פון גלות מצרים, מיר וועלין דאך האבין צו דער ציילין דיא צרות פון איצטיגין גלות ישמעאל ובדומה. וועלין מיר דאס ערקלערין מיט איין משל. איין ארימאן איז שטארק קראנק געווען אונ האט קיין אפעטיט גיהאט צום עסען, האט ער זיך בעראטהען מיט איין דאקטאר אונ דער דאקטאר האט אים אויסגיהיילט פון זיין קראנקהייט, ער איז גיזונד גיווארין אונ ווידער בעקומען אפעטיט צום עסען. אלס ארעמאן אבער האט ער גים גיהאט וואס צוא עסין. ער האט אפילו גראנקם דעם דאקטאר וואס ער האט אים אויסגעקורירט אבער נאר פון דרך ארץ וועגין. דיא ריכטיגע דאנקבארקייט אבער האט געפעלט ווייל ער איז איצטער גיווען הונגעריג אונ האט גים גיהאט מיט וואס צו שטילין דעם הונגער. אין איינ־ציגע ארום איז דער ארעמאן רייך גיווארין, אונ אלץ וואס זיין הארץ האט געלוסט פון עסין אונ טרינקען האט ער זיך פערשאפט. ערסט יעצט האט ער פארשטאנען וויא גרוים דער

## פירוש ע"ט

**אונ** זיי האבן גירעט ביציאת מצרים גאר די נאכט פון פסח ביז עס זייגען גיקומען זייערע תלמידים אונ זיי האבין גיזאגט צו זיי אונזערע רבנים עס האט גיגרייכט די צייט צוא זאגין קריאת שמע פון מארגין פריא:

**אמר** זאגט רבי אלעזר בן עזריה איך בין אז אמאן פון זיבעציג יאר ווארום זייגע האר זייגען גרא גיווארן כדי מען זאל אים פר איין נשיא מאכין, אונ איך האב גיט מנצח גיוועזן די חכמים מען זאל זאגן די פרשה פון ציצית וואס עס איז אין איר דא די נסים פון יציאת מצרים אין דר קריאת שמע פון נאכט עד שדרשה בן זומא ביז בן זומא האט אויך אזו גזאגט פון דם פסוק פון וועגן זאלסט גידיינקען דם טאג דיין אוים גאנג פון לאנד מצרים א"ע טעג פון דיין לעבן. ווען עס זאל שטיין די טעג פון דיין לעבן מיינט מען ביי טאג אבר ווען דא שטייט אלע טעג פון דיין לעבן איז טייטש ביי נאכט אויך. די איבעריגע חכמים זאגן ווען עס זאל שטיין ימי מיינט מען אויף דער וועלט ווען עס שטייט כל ווייזט עס אויף דיא טעג ווען משיח וועט קומען וועט מען אויך ריידען פון דיא נסים פון יציאת מצרים:

**ברוך** המקום גילויבט איז הקב"ה וואס ער האט גיגעבן דיא תורה צוא זיין פאלק ישראל. אנטקעגען פיר קינדער האט דיא תורה גירעט אין יציאת מצרים אחד חכם איינער איז

## ספורי נסים

נעמליכע מענער וואס פערלאנגם איהר פון מיר האט זיי פרעה גיפרעגט. דער נאס פון ישראל האט אונז געשיקט צוא דיר זאגען, אז דוא זאלסט ארוים שיקען דיא ישראל פון מצרים, האבין זייא איהם פייערליג נעקענטפערט. ווער איז דאס דער גאט פון ישראל וואס איך זאל איהם פאלגין האט פרעה צוא זייא געזאגט, אונ האט גלייך אויפגעמאכט זיין בוך וואס דארטין זייגען גיוועזן פערצייכינט די נעמען פון אלע אבגעטער. נאטירליך, האט ער דעם נאמען פון וואהרען יידישען גאט אין זיין בוך גים געפונען. דעם נאמען פון יידישען גאט האט משה געזאגט צו פרעה: שכתב דו דא אין דיין בוך צווישען די נעמען פון אלע אבגעטער, דאס איז גלייך וויא איין קנעכט האט געזוכט זיין פרינציפאל וואס איז גיוועזן א כהן אויף דעם בית הקברות, אבריאהל, א כהן טאר זיך דארטין גאר גיט געפינען. דיא אדוני המלך זוכסט צווישען דיא נעמען פון דייגע געצין דעם נאמען פון אונזער גאט וואס ער איז מלך חי וקים, איי

דען גים איין שאנדע פר אזו א גרויסין קעניג וויא דו, אז דו זאלסט גים וויסין דעם וואהרען גאט פון דער וועלט. פרעה האט שוין גיוואלט פארשפרעכין משה ואהרן מאן נוטעס מים אידין נאר השי"ת האט אים שטייף גימאכט זיין הארץ אונ ער האט זיי גיענטפערט, איך קאן גאר גים אייער גאט, אלע מלכים אונ אלע געטער שיקין מיר בריעף אונ מתנות אונ פון איהם האב איך נאך קיינמאל גאר גים געהאט, דאמאלס, האט זיך אנגיפאנגען אלע מופתים אין מצרים ביי פרעה האט געשריען ה' הצדיק דער גאט פון ישראל איז גירעכט אונ זיין משפט איז אמת וצדק, אונ ווען השי"ת וואלט אונז מיט זיין גרויס בארעמהערציגקייט גים ארויסגענומען פון מצרים, משועבדים היינו לפרעה במצרים וואלטין מיר בלייבין אונטערטהעניגע שקלאפין אין מצרים נאך ביז יעצט, אונ מיר וואלטין גים גיהאט גים אונזער ריינע רעליגיאן אונ גים דיא היילינע תורה.

(סק"ט א')

**חָכָם** מָה הוּא אוֹמֵר. מָה הָעֵדוֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה יְיָ אֱלֹהֵינוּ אֶתְכֶם. וְאַף אַתָּה אֱמָר לוֹ כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח. אֵין מַפְטִירִין אַחַר הַפֶּסַח אֲפִיקוֹמָן:

**רָשָׁע** מָה הוּא אוֹמֵר. מָה הָעֲבוֹדָה הַזֹּאת לָכֶם. לָכֶם וְלֹא לוֹ. וּלְפִי שֶׁהוֹצִיא אֶת עַצְמוֹ מִן הַכְּלָל כָּפַר בְּעִקָּר. וְאַף אַתָּה הַקְהֵה אֶת שִׁנָּיו וֶאֱמָר לוֹ בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יְיָ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם. לִי וְלֹא לוֹ. אִלּוּ הָיָה שָׁם לֹא הָיָה נִגְאָל:

**תָּם** מָה הוּא אוֹמֵר. מַה זֹּאת. וְאָמַרְתָּ אֵלָיו בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיאָנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים:

---

### פירוש ע"ט

קלוג אונ איין צדיק ואחד רשע אונ איינער איז איין שלעכטער ואחד תם אונ איינער איז איין תם ואחד שאינו יודע לשאול אונ איינער איז וואס ווייס ניט צוא פרעגין:

**חכם** דר קלוגער וואס זאגט ער. ער פרעגט וואס זיינען די בעצייגניש אונ געזעצין גירריכטן וואס גאט האט ניבאטין אייך. אונ אויך דו זאג אים אז די דינים פון קרבן פסח איז מען טאר ניט רעדין נאך דעם עסין פון דם קרבן פסח אפיקומן דם מאכט אפיקו מן צייט אוים אונ ברייננט מיר נאך שפייזין, ווארום נאך דעם קרבן פסח טאר מען ניט עסין:

**רשע** דר שלעכטער וואס זאגט ער. ער זאגט וואס איז די שווערע ארבעט צו אייך אונ ניט צוא אים. אונ ווייל ער האט ארויס גינומען זיך אוים דעם כלל לייקינט ער אין הקב"ה דרום אויך דו מאך איילינ זיינע ציין אונ זאג צו אים פון וועגן וואס טוען מיר אזו ווייל גאט האט מיר געטאן נסים אין מיין אוים גאנג פון לאנד מצרים. צו מיר האט גאט געטאן נסים אבר ניט צו אים. ווען דר רשע וואלט געוועזן דארטן וואלט ער ניט אוים גליייזט געווארן:

**תם** דער תם וואס זאגט ער. ער פרעגט ווס איז דס. זאלסטו אים זאגין דס טוען מיר ווייל מיט שטארקער מאכט האט אוים גיצויגן אונז גאט פון לאנד מצרים פון דעם קנעכט הויז:

### משלי דוד

דאקטאר האט איהם זיין לעבען גירעטעט, אונ איז אוועק צום דאקטאר אונ האט איהם אין אמת'ן גידאנקט אונ געזאגט צו איהם, ליבער הערר דאקטאר, ביז יעצט האב איך אייך גידאנקט נאר פון דרך ארץ וועגען ווייל דורך אייער הילף האב איך נאר הונגער גיליטען. יעצט דאנק איך אייך אויף א אמת, אונ ציים איך וועל לעבען וועל איך ניט פערגעסען אייער גוטעס וואס איר האט מיט מיר גיטאן, דען ווען ניט אייער הילף וואלט איך שוין לאנג גישטארבען אונ מיינע עשירות וואלט מיר גאר ניט גענוצט. דער נמשל איז, כל זמן מיר זיינען אונגליקליך, פערטראטען, אונ צושפרייט אין פרעמדע לענדער איז אונז שווער צוא דער ציילין דיא נסים פון יציאת מצרים מיט אין פרייליכע הארץ אונ צו פילין דיא גאולה פון מצרים. מיר דער ציילין דיא נסים פון יציאת מצרים, נאר דערפאר, ווייל דיא היילינע תורה האט אונז אזוא פערזאגט. לעתיד לבוא אבער, אז מיר וועלין אי"ה האבין באמת אלע גוטעס, וועלין מיר דאמאלט דאנקען השי"ת מיט גאנצין הארצין, מיט אמת'ן דאנק פאר דיא גאולה פון מצרים, פאר מתן תורה, אונ פאר אלע נסים ונפלאות וואס גאט האט מיט אונז גיטאן אין פאריגע דורות, דעק ווען ניט דיא נסים וואלטען מיר ניט זוכה גיוועזן צוא דיא אלע גליקען פון ימות המשיח. דארום זאגט דער בעל הגדה להביא לימות המשיח אז אי"ה ווען משיח וועט קומען וועלין מיר דער ציילין דיא נסים פון יציאת מצרים מיט גאנצען הארצין.

### מגדל המאור

**חכם** מה הוא אומר, מה העדות והחוקים וגו' אשר צוה ה' אלהינו אתכם, וואס בעדייטען דיא צייגעניסע אונ די געזעטצע וואס גאט אונזער גאט האט אייך געבאטען. איז דאך איין פראגע, מיט וואס האט דער פאר דינט אז איהם זאל מען רופען חכם, אונ דעם צווייטען וואס פרעגט אויך כביכול דיא זעלבע פראגע מה העבודה הזאת לכם, וואס בעדייטעט דיזע שווערע ארבייט צוא אייך, זאל מען איהם רופען רשע. וועלין מיר דאס ערקלערין מיט א משל. איין גרייסער שר קרעמער האט גיהאט ביי זיך אין געשעפט אלס געשעפטספיהרער איין בעקאנטען קרעמער אונ זיין זון. ביידע האבען געארבייטעט אין געשעפט פון פריהמארגען ביז שפעט אין דר נאכט. דר קרעמער פלעגט אוועק גיין יעדען אווענד אונצופרידען אהיים, ער פלעגט זיך בקלאגה אויף זיינע שווערע ארבייט אונ גאט בעטין ער זאל איהם צושיקין איין גרינגערע פרנסה. דער זון אבער, פלעגט קומען צוא הויז פריילך אונ פלעגט דער ציילין דעם פאטער וויפיל שטיק וואהלצייג, ווארינג, אונ לייווענד ער האט דעם טאג פערקויפט, אונ פלעגט בעטין דעם פאטער ער זאל איהם ערקלערין ווארום פערקויפט ער דעם טאג וויידינס צוא אזא פרייז, אונ דעם אנדערין טאג צוא איין אנדער פרייז. דעמצוליבן פלעגט ער פרעגין ביים פאטער וועגין דיא נימע פון יעדער טאג ווארע. מיין קינד, האט איהם דער פאטער איינמאל גענטפערט, דו ביסט נאך גאר ניט לאנג אין געשעפט פערנעסט דיא מיר שוין אזוא פיל פראגען, אונ דער משרת, וועלכער איז ביי אונז שוין יאהרען לאנג, ער, פרעגט נאר

(סק"ם א')

וְשֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל אַתְּ פְּתַח לוֹ. שֶׁנֶּאֱמַר וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא
לֵאמֹר בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יְיָ לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם:
יָכוֹל מֵרֹאשׁ חֹדֶשׁ תַּלְמוּד לוֹמַר בַּיּוֹם הַהוּא. אִי בַּיּוֹם הַהוּא יָכוֹל
מִבְּעוֹד יוֹם תַּלְמוּד לוֹמַר בַּעֲבוּר זֶה. בַּעֲבוּר זֶה לֹא אָמַרְתִּי אֶלָּא
בְּשָׁעָה שֶׁיֵּשׁ מַצָּה וּמָרוֹר מֻנָּחִים לְפָנֶיךָ:
מִתְּחִלָּה עוֹבְדֵי כוֹכָבִים הָיוּ אֲבוֹתֵינוּ. וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם לַעֲבוֹדָתוֹ
שֶׁנֶּאֱמַר וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל כָּל הָעָם כֹּה אָמַר יְיָ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר
הַנָּהָר יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵעוֹלָם תֶּרַח אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים:
וָאֶקַּח אֶת אֲבִיכֶם אֶת אַבְרָהָם מֵעֵבֶר הַנָּהָר וָאוֹלֵךְ אוֹתוֹ בְּכָל אֶרֶץ כְּנָעַן וָאַרְבֶּה
אֶת זַרְעוֹ וָאֶתֶּן לוֹ אֶת יִצְחָק וָאֶתֵּן לְיִצְחָק אֶת יַעֲקֹב וְאֶת עֵשָׂו וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו
אֶת הַר שֵׂעִיר לָרֶשֶׁת אוֹתוֹ וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם:

---

### ספורי נסים

**ויעקב** ובניו ירדו מצרים. די חז"ל זאגין, בעת יעקב אבינו האט בעגעגנט עשו האט ער צו אים געזאגט, ווען איך זעה דיר איז גלייך וויא איך וואלט געזעהן איין מלאך פון גאט. איז דאך איין פראגע, וויא אזוי פערגלייכט יעקב זיין ברודער עשו צו איין מלאך. וועלין מיר דאס ערקלערין מיט א משל. איינער איז אמאל געהען געלאדין צו זיינעם איין באקאנטין, דער באקאנטער האט אים אפילו זעהר פריינדליך אויפגענומען, נאר ער האט בעמערקט אז זיין גמיכם אז ער וויל אים מאכען עפעס אונאנגענעהמעס, זאגט ער צום ווירטען איידער זיין שמעקט אזוא גוט וויא דער ווין וועלכען איך האב געטרונקען ביים דוכס. וויא דער ווירט האט

### פירוש ע"ט

**ושאינו** יודע לשאול דער וואס ווייס ניט צוא פרעגן הייב דוא אן צו ריידין צוא אים. וויא דר פסוק זאגט זאלסט זאגין צו דיין קינד אין דעם טאג צו זאגן אים דם טוען מיר פון וועגין דם וואס גאט האט גיטאן צו מיר נסים אין מיין אויס גאנג פון לאנד מצרים:
**יכול** איך וואלט גימיינט אז מען זאל זאגין יציאת מצרים פון ראש חודש ניסן לערינט אונז דר פסוק נאר דם טאג. אונ ווען עס זאל שטיין נאר דם טאג אליין וואלט איך גימיינט צוא זאגין יציאת מצרים אז עס איז נאך טאג לערינט אונז דער פסוק דאס טוען מיר וועגין דאס ווייל גאט האט גיטאן נסים מיט אונז. איך האב ניט גיזאגט צו דער ציילן נייערט אין דער צייט אז מצה אונ מרור ליגין פאר דיר דאס איז די נאכט פון פסח:
**מתחלה** צום ערשטן האבין גידינט אונזערע עלטערין אנדרע געטער איצונד האט גינעהנט אונז הקב"ה צו זיין דינסט ווי דער פסוק זאגט יהושע זאגט צו דעם פאלק אזוי האט גיזאגט דער גאט פון ישראל איבער יענם זייט באך זייגען גיזעסין אייערע עלטערין פון אייביג. תרח דער פאטר פון אברהם אונ פון נחור אונ האבין גידינט אנדרע געטר האב איך גינומען אייער פאטר אברהם פון יענר זייט באך אונ איך האב אים גיפירט אין לאנד כנען איך האב גימערט זיינע קינדר אונ האב גיגעבין אים איין זון יצחק אונ איך האב גיגעבין צו

### מגדל המאור

צו וואס דארף מען אזוי פיל הארעווען. ענטפערט אים דער זון עס איז איין גרויסער אונטערשייד צווישען מיר אונ אים, ער שרייט אז נאך זיין געהאלט איז דער פדיון צו גרויס, אונ ווען ער וואלט בעקומען איין בעסערע שטעלע וואלט ער פון אונז לאנג אוועק. דר געשעפט זעלבסט אבער אינטערעסירט אים נאר ניט. איך אבער, אינטערעסיר זיך פר דעם געשעפט אליין אונ וויל אים גרינדליך וויסן, דר פר שטעל איך דיר אזעלכע פראגין. ענטפערט אים דער פאטער איך מיין דיר נאר צו פרובירען מיין קינד, אונ איך זעה אז דו ביסט קיין נאר. דאס זעלבע איז דר אונטערשייד צווישען דעם חכם אונ דעם רשע, דר רשע איז ווי דער משרת וואס ארבייטעט נאר צו ליב בעלאהנונג, אבער די ארבייט זעלבסט איז אים איבערדריסיג. דער רשע אז ער דינט אמאל השי"ת דינט זיינע מצות נאר אז גאט זאל אים בעצאהלען פר זיין ארבייט אויף דער וועלט אונ וואס ער טוט איז נאר פון לייטענס וועגין, אלע מצות זיינען אים צו לאסט אונ זוכט אויס וויא אים צו מיידען, דער פאר פרעגט ער מה העבודה וואס איז דיזע ארבייט לכם צו אייך, אונ ניט צו אים. דער פאר פאר דינט ער דעם נאמען רשע. דער חכם אבער איז גלייך צום סוחר'ס זון וואס אים איז דער געשעפט אליין ליב אונ זוכט אים גרינדליך צוא וויסען אום אליין צוא קענען זיין איין געניטער סוחר, אונ איבערהויפט צופרידען צושטעלין זיין פאטער. דער חכם טוט אלע מצות מיט פליס אונ מיט גרויסע בעקלערונג אום צו פערשאפען נחת רוח צוא השי"ת, דארום פרעגט ער ביי זיין פאטער אויף יעדער מצוה בעזונדער אשר מה העדות וואס בעדייטען די צייגניסע, והחקים אונ די געזעצע, בכדי אז ער וועט וויסען דעם טעם פון יעדער מצוה וועט ער איהר טאהן מיט מעהר שמחה אונ מיט מעהר פליס, דר פר האט ער פערדינט אז מען זאל אים רופען חכם:

(סק"ס א')

בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ לְיִשְׂרָאֵל. בָּרוּךְ הוּא. שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חִשַּׁב אֶת הַקֵּץ לַעֲשׂוֹת כְּמָה שֶׁאָמַר לְאַבְרָהָם אָבִינוּ בִּבְרִית בֵּין הַבְּתָרִים שֶׁנֶּאֱמַר וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם יָדֹעַ תֵּדַע כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה: וְגַם אֶת הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי וְאַחֲרֵי כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל:

מען נעמט דעם כוס אין דער רעכטער האנט און מען הייבט אים אויף איין טפח הויך און דיא מצות דעקט מען צוא און מען זאגט דאס:

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ. אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ. וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם:

### פירוש ע"ט

יצחק איין זון יעקב און איין זון עשו און איך האב געגעבין צוא עשו דעם בארג פון לאנד שעיר ער זאל ארבן אים און יעקב מיט זיינע קינדער האבין גינידערט קיין מצרים:

ברוך געלויבט איז גאט וואס ער היט זיין פר זיכערונג צוא די ישראל שהקב"ה דער הייליגער גאט ער האט גירעכינט דעם קץ גלות פון מצרים ער זאל טאן ווי ער האט גזאגט צו אונזער פאטער אברהם ווען ער האט כורת ברית מיט אים גיוועזן צווישן די שטיקער ווי דער פסוק זאגט גאט זאגט צו אברהם וויסן זאלסטו וויסין אז פרעמד וועט זיין דיין קינדער אין איין לאנד וואס ניט זייערס און זיי וועלן ארבעטן מיט זיי און וועלין פייניגן זיי פיר הונדערט יאר אבער דאס פאלק וואס זיי וועלין דינגען וועל איך ריכטן און דער נאך וועלין די ישראל ארויס גיין מיט גרויס גוטס און עשירות:

### ספורי נסים

דאס דערהערט האט ער געמיינט אז ער איז בעקאנט מיט דעם דוכס, האט ער זיך דערשראקן און האט נאר אנדערש אנגעפאנגען מיט אים צו ריידן, און דער נאמען איז א ערק פון אים בשלום. דערמאלייכן איז גיוועזן מיט יעקב אבינו, ער האט בעטראכט אין ישמעאל נכריכם אז ער איז צו אים צו פריינדליך, און אז מיט זיין פריינדשאפט וויל ער ביי אים אלץ צונעמען, וואס יעקב אז איך זעה דיר מיין ברודער איז ווי איך זעה איין געמליכן מלאך פון הימל. ווייל עשו האט גיוואוסט אז יעקב האט צו טאן מיט מלאכים האט ער זיך דערשראקן, און יעקב איז ארויס פון זיין האנד בשלום. און אזוי אז יעקב מיט דיא קינדער זיינען געקומען אין מצרים, אין גאשעס נאמען, האבין דיא מצריים און פרעה פאר דיא מורא גיהאט און דיא ישראל זייגען דארטן תקיף און גליקליך גיוועזן, נאר שפעטער ווי זיי האבין פארלאזט דיא טשה מדות פון יעקב אבינו, און האבין זיך אנגיהויבן צופערגלייכן צוא דיא מצריים, איז אויך זייא גיקומען דער גרויסער גלות.

והיא שעמדה דאס וואס גאט גידיינקט דעם ברית דאס איז ביי גישטאנן צו אונזרע עלטערין ווארום ניט איינער אליין איז אויף גישטאנען אויף אונז צו פאר דארבן אונז נייערט אין אלע פאר צייטיגע דורות זייגען אויף גישטאנען אויף אונז צו פר דארבן אבער הקב"ה האט אונז בשירעמט פון זייערע הענט:

### פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

ברוך שומר הבטחתו לישראל. גידאנקט זיי גאט וואס ער היט זיין פאר שפרעכען צו ישראל, ברוך הוא שחשב את הקץ און גיצילט זייא ער, וואס ער האט פארמ'ם געשראכט ווייא לאנג דער גלות זאל דויערן. השית מיט זיין גרויס בארעמהערציגקיים, גידייגקט אונזערע זכות אבות אפילו ווען ער איז ביי אויף אונז, און דער מדת הדין איז גורם ח"ו אז מיר זאלין זיין אין גלות. ביים ברית בין הבתרים האט גאט גיזאגט צוא אברהם אבינו ע"ה, ידוע תדע זיי וויסן כי גר יהיה זרעך אז דיינע קינדער וועלין זיין ווייא פרעמדע בארץ לא להם אין א לאנד וועלכע געהערט ניט צו זייא, ועבדום און מען וועט זייא צווינגען צוא טאן שווערע ארבייט ועינו אותם און מען וועט זייא פייניגן, ארבע מאות שנה פירהונדערט יאר, וגם את הגוי אשר יעבודו, דערנאך אבער אויך דאס פאלק, ביי וועמען זיי וועלין טאן די שווערע ארבייט דן אנכי וועל איך (מכ"ם א')

אויך משפט'ן, ואחרי כן וגו' און זיי וועלין נאכדעם ארויס פון גלות מיט פיל גוטס. אין מסכת ברכות געפינען מיר אויף דעם פסוק דבר נא באזני העם אז אום אברהם זאל ניט האבין איין טענה צו גאט, די ערשטע העלפט פון דיין צוזאג ועבדום ועינו אותם האט די מצרים גיטאן, דאס הייסט, פירהונדערט יאהר אין גלות האבט דוא זייא באקט געהאלטן, וואו איז אבער די צווייטע העלפט פון צוזאג ואחרי כן יצאו ברכוש גדול אז דערנאך וועלין זיי ארויס מיט פיל גוטס. דאס דער בורא יתברך גיזאגט צוא משה'ן דבר נא רייד אן, נא איך בעט דיר, דאס פאלק ישראל וישאלו וגו' אז זייא זאלין יעדער פון זיין בעקאנטען אנלייען זילבערנע און גאלדענע געשיר פון דיא מצרים. איז דאך איין פראגע, ווייא פאסט דאס, אז גאט בית זאל זאגן צו משה, דבר נא' נור אום יוצא צו זיין געגען אברהם אבינו, פערשטענדליך האט דער הייליגער מגיד זצ"ל מיט איין

משל

דא דעקט מען דיא מצות ווידער אויף אונ מען שטעלט דעם כוס אנידער:

**צא** ולמד מה בקש לבן הארמי לעשות ליעקב אבינו. שפרעה לא גזר אלא על הזכרים ולבן בקש לעקור את הכל שנאמר ארמי אבד אבי וירד מצרימה ויגר שם במתי מעט ויהי שם לגוי גדול עצום ורב: וירד מצרימה אנוס על פי הדבור: ויגר שם מלמד שלא ירד יעקב אבינו להשתקע במצרים אלא לגור שם שנאמר ויאמרו אל פרעה לגור בארץ באנו כי אין מרעה לצאן אשר לעבדיך כי כבד הרעב בארץ כנען ועתה ישבו נא עבדיך בארץ גשן: במתי מעט כמה שנאמר בשבעים נפש ירדו אבתיך מצרימה ועתה שמך יי אלהיך ככוכבי השמים לרוב: ויהי שם לגוי מלמד שהיו ישראל מצינים שם: גדול עצום כמה שנאמר ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו

---

### משלי דוד

**מלמד** שהיו ישראל מצינים. דאס ווייזט אונז אז די ישראל זיינען געווען אין מצרים אויסגעצייכנט פון אנדערע.

דער מדרש זאגט אז זיא זיינען ניט געווען אויסגעצייכנט אין מארעס, אדער תכשיטין, נאר אין גוטע זיטען אונ וואהלשטענדיגקייט. מיר געפינען אין תלמוד ירושלמי אין מסכת בבא מציעא אז אבא אושעיא האט ניט געוואלט הנאה האבן פון כבוד התורה חאטש ער זיך מפרנס געווען פון ריינען קליידער. איינמאל איז געקומען צו אים איין פירשטין אונ האט אים געבראכט פיינע קליידער צום וואשען, האט ער געפונען אין דאס קלייד פיינע תכשיטין וועלכע זיא האט פערגעסען ארויסצונעמען, האט ער אידר דאס נאכדעם אבגעבראכט צוזאמען מיט דאס קלייד. אז דוא ביסט אזוא איין ערליכער מאן האט דיא פירשטין געזאגט, שיינק איך דיר די תכשיטין. דען איך בין נעבנג רייך. אבא אושעיא האט אבער ניט גענומען. פאר וואס ווילסט דוא ניט נעמען האט זיא ביי אים געפרעגט. ווייל דאס איז אזוי נוס וויא איין אבידה אונ דיא תורה האט געהייסען אויעק געבין איין אבידה האט ער אידר געענטפערט. נאך דער תשובה האט זיא געזאגט געלויבט איז דער גאט וואס האט געגעבין אזוי איין תורה אויף דער וועלט:

### פירוש ע"ט

**צא** ולמד גיי אונ לערין אין דר תורה וואס הט געוואלט לבן פון לאנד ארמי טאן צוא אונזר פאטר יעקב מער אז פרעה. וואורום פרעה הט מער ניט געקאטן צוטייטין נייערט די זכרים אבער לבן האט געוואלט אויסרייסן אלע וויא דער פסוק זאגט איבער לבן הארמי ווערט איין פר לארינר מיין פאטער אונ ער גידערט קיין מצרים ער איז פרעמד דארטין אונ אויך מיט ווייניג פאלק אונ ער איז געווארן דארטן צו איין גרויס פאלק אונ שטארק אונ פיל. וירד אונ הט גינידערט קיין מצרים אבר גנייט דורך נאטס רייד. ער איז דארטן פרעמד דער פסוק לערינט אונז אז יעקב האט ניט גינידערט אייביג וואוינען אין מצרים נאר צו זיין פרעמד דארטן ווי דר פסוק זאגט זיי זאגן צו פרעה צו זיין פרעמד אין לאנד זיינן מיר גיקומן וואורום עס איז ניט דא קיין וייד צו

דיא שאף פון דיינע קנעכט וואורום עס איז שווער דער הונגער אין לאנד כנען, איצונד זאלין זיצען דיינע קנעכט אין לאנד גושן:

**במתי** מעט מיט ווייניג פאלק ווי דר פסוק זאגט מיט זיבעציג לייבר האבן גינידערט דיינע עלטערין קיין מצרים אונ איצונד האט ניטאן דיר גאט ווי די שטערן פון הימל צו פיל. אונ ער וואר דארטן צו איין גרויס פאלק דר פסוק לערינט אונז אז די ישראל זיינן גיוועזן ניצייכינט פאר אבזונדר פאלק אין מצרים עצום אונ שטארק ווי דר פסוק זאגט די ישראל

### פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

**משל.** צוויא קעניגע האבן געפירט איין לאנגע צייט קריג צווישען זיך, אונ עס איז פיל בלוט פערגאסען געווארען פון ביידע זייטען. אום אבער צו דיזע בלוטפערגיסונג איין ענדע צוא מאכען, האבן ביידע קעניגע צווישען זיך אבגעמאכט, אז זיא זאלען אין איין בעשטימטען ארט פון קריגספלאץ גראבען אויסגראבען איין גרוב, אונ מען זאל אויסקלייבען פון ביידע פיינדליכע מחנות צוא איין סאלדאט, אבער דיא שטארקסטע, אונ דיא ביידע סאלדאטען זאלען זיך ביים גרוב ראנגלען אונ דר קעניג וואס זיין סאלדאט וועט מנצח זיין אונ אריינווארפען דעם צווייטען אין גרוב, דער בלייבט דער זיגער (מנצח), א"ג דער קעניג פון דעם בקיינעמן סאלדאט מוז זיך מיט זיין גאנצע ארמעע אונטערטעניגען מען האט אויסגעקליבן צוויי סאלדאטען אונ אויפגעגראבן א גרוב אויף דעם בעשטימטען ארט, עס האבן זיך צו זאמענגעקליבן ביים גרוב די פעלדמארשאלען

(סק"ס א')

### ספורי נסים

**ובני** ישראל פרו וישרצו. דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק וימת יוסף וכל אחיו, יוסף אונ אלע זיינע ברידער זיינען געשטארבען, אבער דער נאמען פון ישראל איז ניט געשטארבען, ער לעבט אייביג אונ טוט מיט דיא אידן שטענדיג נסים ונפלאות. וויא מיר ווייסן האבן דיא מצרים אלעס אנגעווענדעט דיא אידען אוים צו ראטען, נאר וואס מער דיא מצרים האבן זיא געפייניגט אונ וואס מער דיא האבן זייא גלצוואונגען צו טאן שווערע ארבייט האבין זיך די אידין אלס מעהר אונ מעהר איבערעלל פערשפרייט. אונ דאס איז אלין

בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם: וָרָב כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר רְבָבָה כְּצֶמַח הַשָּׂדֶה נְתַתִּיךְ וַתִּרְבִּי וַתִּגְדְּלִי וַתָּבֹאִי בַּעֲדִי עֲדָיִים שָׁדַיִם נָכֹנוּ וּשְׂעָרֵךְ צִמֵּחַ וְאַתְּ עֵרֹם וְעֶרְיָה: (וָאֶעֱבֹר עָלַיִךְ וָאֶרְאֵךְ מִתְבּוֹסֶסֶת בְּדָמָיִךְ וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי וָאֹמַר לָךְ בְּדָמַיִךְ חֲיִי):

וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה קָשָׁה: וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן יִרְבֶּה וְהָיָה כִּי תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה וְנוֹסַף גַּם הוּא עַל שֹׂנְאֵינוּ וְנִלְחַם בָּנוּ וְעָלָה מִן הָאָרֶץ:

---

### פירוש ע״ט

מערין זיך אונ ווידמן זיך אונ גרייסן זיך אונ שטארקין, זיך זייער פיל אונ עס ווערט דער פילט דס לאנד מיט זיי. ורב אונ פיל. וויא דר פסוק זאגט רבבה מערונג וויא שפראצונג אין פעלד האב איך גיגעבין דיך, אונ דו האסט גיטערט דיך אונ ביסט גיוואקסין אונ ביסט גיקומען אין צירונג איבער אלע צירונג. כלומר עס איז גיקומען דיא צייט אויס צוא לייזען דיך אונ דוא ביסט נאקעט אונ ליידיג פון מצות:

וירעו זיי איבלען אונז ווי דער פסוק זאגט די מצרים זאגין בייט איך אן מיר וועלין זיך קלינגען צו אים פיליכט ווענט ער זיך מערין אונ ווען עס ווערט זיך גיפינען אשטרייט ווערט ער גימערט ווערין אויף אונזערע פיינד אונ ווערט שטרייטן מיט אונז אונ ער ווערט ארויס

### יד חזקה

ורב כמה שנאמר רבבה כצמח השדה נתתיך. איך האב דיר פערגליכן מיט דיא שפראצונגען פון דער ערד, אזו וויא דיא ערד גיבט ארויס אירע שפראצונגען פון תבואה אדער אנדערע גיוויקסן, ווען דיא פערזייטע קעמפער ווערין אין גאנצין צוטרעטן אזוא זיינען דיא ישראל אויך, אז זייא ווערין שוין גאנץ אונטערדריקט אונ קענען שוין מעהר נים

### ספורי נסים

ניהיען פון דעם בורא ב״ה, זיין השגחה, דאס דיא מצריים זאלין זייא גיכער ארויסלאזין פון מצרים. אונ אנשטאט וואס דיא אידען האבען גיזאלט זיין פיערהונדערט יאר אין גלות מצרים וויא גאט האט גיזאגט צו אברהם, זיינען זייא געבליבען נור צוויא הונדערט מיט צעהן יאהר, וויא דער מדרש זאגט אויף דעם פסוק ותמלא הארץ אותם, גאנץ מצרים איז פול גיווארין מיט זייא, זייא זיינען גיווען פול אין אלע מקהאטערן אין אלע צירקען אונ דאס גלייכין, ביז דיא מצרים זיינען גיווארין אויף זייא שטארק אויפגעבראכט, אונ האבין זייא גיזוכט מיט אלע מעגליכקייט צו אונטערדריקען, דיא מיטלען האבען אבער נים גיהאלפען, דאנען דיא מצרים זייא גיבוזים אין גאנצין ארויסלאזען פון זיך.

וארא מתבוססת ברמיך. אין פרקי דרבי אליעזר ברייגנט ער, אז פרעה האט ארויסגעגעבען דיא גזירה אז אידין זאלען מאכען ציגעל מיט איין געוויסען צאל צוא איין באשטימטע צייט, אונ שטרוי דארף זאלען זייא אליין קלייבין, פלעגען זייא גיין איבער אלע הייזער אונ זוכען שטרוי. דיא מצרים האבען זייא נישט גילאזט גיבען אונ פלעגען זייא נאך דארצו שלאגען, דאבען זייא גיזוכט גיין אין דער מדבר זוכען שטרויא. זייערע פרויען אונ קינדער פלעגען זייא העלפען מיט ארבייטען אלע שווערע ארבייט. זייא פלעגען גלייך מיט זיי גיין זוכען דיא שטרוי, אונ פלעגען זיך צוא שטעכען דיא פיס אן דערנער אונ שטיינער אין דר מדבר, אונ מיט די פארבלוטיגטע פיס, פלעגען זייא נאכדעם טרעטען דעם ליים צוא דיא ציגעל. איינמאל איז גיגאנגען איינע שוואנגערע פרויא א פרומע, מיט דעם נאמען רחל, העלפען איר מאן קלייבען שטרוי אונ מאכען ציגעל, דאס וויא גיווארען דער ארבייט מפיל גיווען אונ איר בלום האט זיך צוזאמען מיט דעם ליים. דערפאר האט השי״ת דיא מצרים אב גיצאלט מיט מכת בכורים מדה כנגד מדה. דער נביא יחזקאל זאגט, ווארא איך האב דיר גיזעהן, מתבוססת בדמיך פערמעסטיגט דיא ליים אין דיין בלוט, ואומר לך, זאג איך דיר צו, בדמיך חיי, אז דורך דיינע איינענע בלוט ווערסט דוא ווידער אויפלעבען.

(מכ״ם א׳)

### פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

יענערלען אונ נאך פיל היליגקייטען פאראנען פון ביידע פיינדליכע לאנדערין אוג די ביידע העלדען האבין אנגעפאנגען זיך צו ראנגלען, פלוצלונג האט איינער אנגענומען דעם צווייטען אונ האט אים גיטראגען צום גרוב, וויא ער איז נאר גיקומען מים זיין לאסט (משא) נאהענט צום גרוב, האט זיך דער צווייטער ארויסגעריסען פון זיינע הענד, אונ ווידער גישיקט אריין גישטויסען דעם טרעגער אין גרוב. נאטירליך, האבין אים זיין פעלדמארשאל אונ דיא גאנצע נאצאלסטווא גילויבט אונ גידאנקט אין גיקענטעווארט פון אלעמען, זייא האבין אים אבער אויך שטארק איבערגערעדט וואס ער האט זיך נאר גילאזט טראגין ביז דער גרוב, ווען דער ווייל האבין זייא דאך גימיינט דאס יענער מאלדאט האט אים בעזיגט אונ זייא האבין דעם קריג פערלארען. דעם גלייכען איז אונזער ענין. נאט וואלט מקיים גיוועזען זיין פערשפרעכען ואחרי כן יצאו ברכוש גדול ביים ים אליין, נאר אברהם וואלט דאך גיהאט א טענה צום בורא ב״ה וויא מיר האבין פריהער גיזאגט, איז אים צוא בטרוהטען אברהם׳ן אז דיא אידען זאלען שוין פון מצרים ניט ארויס מיט ליידען, האט השי״ת נעבעטן משה׳ן דאס ער זאל אנרייידען די אידען אז זייא זאלין לייען פון די מצרים גאלדענע אונ זילבערנע כלים, די רעכטע עשירות אבער וועלן שוין דיא מצרים אליין אונטערפירען צום ים (וויא דער שטייגער איז אז מען גייט אויף קריג, פירט מען מיט פיל פירדע, קעסטן, געשרעקע אויך געלד) וואס דארטען איז גיווען דער הויפט נצחון, דאס איז קריעת ים סוף. ווידער קען מען זאגין אז דאס וואס נאט האט פערשפראכען אז זייא וועלין ארויס פון גלות מיט פיל גוטס האט ער נאר גימיינט אויף דעם לעצטען גלות

מגן

ויענונו כמה שנאמר וישימו עליו שרי מסים למען ענותו בסבלותם ויבן ערי מסכנות לפרעה את פתם ואת רעמסס: ויתנו עלינו עבודה קשה כמה שנאמר ויעבדו מצרים את בני ישראל בפרך:

ונצעק אל יי אלהי אבותינו וישמע יי את קולנו וירא את עניינו ואת עמלנו ואת לחצנו: ונצעק אל יי אלהי אבותינו כמה שנאמר ויהי בימים הרבים ההם וימת מלך מצרים ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו ותעל שועתם אל האלהים מן העבודה: וישמע יי את קולנו כמה שנאמר וישמע אלהים את נאקתם ויזכר אלהים את בריתו את אברהם את יצחק ואת יעקב: וירא את עניינו זו פרישות דרך ארץ כמה שנאמר וירא אלהים את בני ישראל

### יד חזקה

פארטראגן דיא צרות דאמאלס הייבט ווא ווידער אן נגס צו ווערין. דער מדרש זאגט, גאט ב"ה האט גזאגט צו יעקב אבינו ע"ה והיה זרעך כעפר הארץ אז דיינע קינדער וועלין שוין זיין אנטערדריקט אונ איינגעבייגען גלייך מיט דער ערד, דאן, ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה. דאן, וועסט דוא ווידער שטארק ווערין אונ דוא וועסט זיך אויס שפרייטען צו מערב אונ מזרח, צפון אונ דרום. דאס הייסט, דו וועסט זיין פול די גאנצע וועלט. אין שירת האזינו שטייט כי ידין ה' עמו ועל עבדיו יתנחם, כי יראה כי אזלת יד ואפס עצור ועזוב, אז ער וועט זעהען אז אידין האבען שוין מעהר קיין קרעפטע צו ליידען די צרות, אונ קיינער נעמט זיך פאר זיי אן, דאן וועט ער ריכטען זיין פאלק, אונ טרייסטען זיינע דינער וועט ער העלפען די יידען צום גוטען. דאס זאגט דער פסוק רבבה כצמח השדה נתתיך, איך האב דיר פערגליכען מיט די שפראצונגען פון דער ערד, אז ביידע אלע האבען געמיינט אז עס איז איין ענד מיט אידין, העלפט זיא גאט אונ זיא לעבען ווידער אויף.

### פירוש ע"ש

גיין פון דעם לאנד: ויענונו זיי פייניגען אונז, ווי דער פסוק זאגט ויא האבען גימאן אויף אים עלצטע זאלן איין געבן דעם מס פון ווענגן צו פייניגען אים אין זייערע ארבייט ער בויט שטעט שאין קאמערין צו פרעה די שטאט פיתום אונ רעמסס: זיי האבין גיגעבין אויף אונז שווערע ארבעט ווייא דער פסוק זאגט, דיא מצרים ארבעטען מיט דיא ישראל מיט הארטינגקייט:

ונצעק אונ מיר האבין גישריען צו גאט דער גאט פון אונזערע עלטערן אונ ער האט גיהערט גאט אונזר שטים אונ ער האט גיזעהן אונזר פיין אונ אונזערע מידיגקייט אונ אונזער באצווינגעניש כמה שנאמר אזו ווייא אין פסוק שטייט, אונ עס ווער אין פיל צייטען איז גישטארבן דר קיניג פון מצרים אונ זיי זיפצין די ישראל פון די שווערע ארבייט זיי שרייען אונ עס גייט אויף זייער גישריי צו גאט פון דר ארבעט: אונ גאט האט גיהערט אונזר שטים ווי דר פסוק זאגט, גאט האט גיהערט זייער גישריי אונ ער גידיינקט דעם ברית פון אברהם אונ פון יצחק אונ פון יעקב. וירא את עניינו ער האט גיזעהן אונזר פיין דאס איז וואס זיי שיידן

### פירוש ומשלים מהמגיד מדובנא

פון דיא פיר גלותן, אויף וועלכע ער האט אנגעמערקט אברהם אבינו ביים ברית בין הבתרים, וואס דאן, דאס הייסט ביין לעצטען גלות וועט ערשט זיין דיא גאולה שלמה, נאר צוא בערוהיגן אברהם'ען האט גאט גיבעטען משה דאס ער זאל אבריידין דיא ישראל אז זיי זאלען לייטן פון די מצרים ווילפערנע אונ גאלדענע געשירר. ערקלערט דאס דער דובנער מגיד זצ"ל מיט נאך א משל. איינער האט גיוואלט חתונה האבן א פארוויטער פלעגט ער פרעגען ביי מענשן וואס קומען אהם אויף שמחות, ביא באזונדער אדער ברתים, וויא עס ווערין גערעכט די מישען אויף שמחות אונ וועלכע שפייזען עס ווערין גיגעבען צום טיש פריער, אונ וועלכע שפעטער. וויא האבין אים אלעס בעקאנט גימאכט אונ ער איז גיווארן א פארוויטער, אונ דאס אויף יעדער שמחה יעדעס מאל דערלאנגט צום טיש אונ צוא גינומען אלעס וויא געהעריג. איינמאל, אויף איין שמחה אויף וועלכע עס זיינען גיווען זעהר פיל געסט אונ די טישען זיינען גיווען שטארק בעזעצט מיט געסט, דאס ער ביים פארווערין גימאכט אין לער. ער האט גינומען צוויי בעזונדערע שפייזען וועלכע מען עסט גינוואלט ציא פארזיכען, צום בייזשפיל פיש אונ חריין, אדער פליש אונ צימעס אונ האט גישטעלט איינע אויף איין טיש אונ די אנדערע אויף דעם אנדערין טיש, איז אים גיקומען אז אויף איין טיש איז גיווען נור פליש אונ אויף דעם אנדערין נור צימעס, האבין די געסט וועלכע גלאכט פון אים, דען ער וואס נישט צימעס ארויף פליש-דר גימשל איז שוין דא פארשטענדליך פון זיך זעלבסט. אז מיר זאלן ש"ן אפילו זאגן דעם דר צוואג וואחרי כן יצאו ברכוש גדול איז גיזיינט אויף דער לעצטע גאולה איז דאך דא דערביי צו פרעגן, די ערשטע דורות וואס זיינען ארויס אין מצרים האבען גיליטן, אונ בעלאהנט זיינען גיווארן זייערע קינדערס קינדער. אונ דאס איז יעדער פיין פון אונזערע חכמים וואס זייא זאגין כדי שלא יאמר אותו צדיק אום דער צדיק אברהם אבינו זאל נים זאגען ועבדום וענו אותם קיים בהם אונטער דריקט האט ער די ערשטע דורות וואס זיינען ארויס אין מצרים, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם אונ בשרייבט האט ער נור זייערע קינדער וועלכע זיי האבן נאר נים גיליטן אין זייערע גלותן.

(סק"ם א')

וַיֵּדַע אֱלֹהִים: וְאֶת עֲמָלֵנוּ אֵלּוּ הַבָּנִים כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ וְכָל הַבַּת תְּחַיּוּן: וְאֶת לַחֲצֵנוּ זוֹ הַדְּחַק כְּמָה שֶׁנֶּאֱמַר וְגַם רָאִיתִי אֶת הַלַּחַץ אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אוֹתָם:

וַיּוֹצִיאֵנוּ יְיָ מִמִּצְרַיִם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה וּבְמֹרָא גָּדֹל וּבְאֹתוֹת וּבְמֹפְתִים:

